# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת בראשית

## די תכלית פון באשאפען די וועלט

**לאמיר** אפלערנען א משנה אביסל טיפער, אין פרקי אבות טרעפן מיר א משנה וואס ווערט געווענליך געלערנט אויף די מערסטע פשוטע וועג, יעצט וועלן מיר זעהן אז עס האט אין זיך א רמז אויף איינס פון די מערסטע וויכטיגסטע יסודות צו דינען דעם אויבישטן. מיר וועלן לערנען די משנה צוזאמען, אזוי אויך די גמרא וואס האט א שייכות צו דעם, און אונז וועלן מיר פרובירן צו מאכן עפעס שכל פון דעם.

**מיר** לערנען אין די משנה (אבות פרק ה' משנה א') בעשרה מאמרות נברא העולם, מיט צעהן ויאמר׳ס איז די וועלט באשאפן געווארן, די משנה זאגט אונז דא אז ביים באשאפן דער וועלט האט דער באשעפער געזאגט זיין באפעהל און דורך יעדע באפעהל איז א אנדערע חלק פון די בריאה געקומען צו איר עקזיסטענץ. די משנה ערקלערט ווייטער פארוואס דער באשעפער האט אויסגעוועהלט צו באשאפן דער וועלט מיט צעהן מאמרים אנשטאט איינס, אבער דאס וועלן מיר איבער לאזן אויף א אנדערע געלעגנהייט.

### די משנה שטימט נישט

**וואו** אונז זעהן מיר דא בכל אופן איז אז צעהן באזונדערע מאל האט דער באשעפער געגעבן א באפעהל און א אנדערע חלק פון די וועלט איז געקומען צו איר עקזיסטענץ, די פראבלעם איז אבער, אז אויבן אויף ווען מען גייט אדורך די פסוקים זעהט עס אויס א סתירה צו דעם, א פשוטע רעכענונג פירט איינעם צו ציילן ניין עקסטערע באפעלן פונעם באשעפער, דו דארפסט נישט צוקומען צו העכערע מאטעמאטיק צוזאם רעכענען די ניין עקסטערע מאל וואס דער באשעפער האט באפוילן א טייל פון דער וועלט זאל צוקומען צו איר עקזיסטענץ, יהי אור, עס זאל זיין ליכטיג, יהי רקיע, עס זאל זיין א הימל, און נאך זיבן אנדערע וואס זיי באטרעפטן נאר ניין, ווי איז די צעהנטע מאמר?

**און** דער ענטפער אויף דעם טרעפן מיר אין מס' ראש השנה (ל"ב ע"א) בראשית נמי מאמר היא, דער פסוק 'בראשית' (בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ), די באשאפונג פון הימל און ערד איז אויך א באפעהל פון באשעפער, אפילו עס שטייט נישט ויאמר אלקים יהי שמים וארץ, לויט דעם די ערשטע טריט פון די באשאפונג איז אויך עקזיסטירט געווארן דורך דער מאמר פונעם באשעפער.

## עס מיז האבן א הסבר

דאס - וויאזוי עס זאל נאר זיין - מוז האבן א ערקלערונג. די באשאפונג פון די וועלט, את השמים ואת הארץ, בלייבט איבער דאס מערסטע ארויסשרייעדיגע נס און דאס גרעסטע וואונדער אין די וועלט'ס היסטאריע, וויבאלד דאס איז געווען אויף אייביג, די אומפארגלייכבארע פארווינדערונג פונעם באשאפן יש מאין, די "באשאפונג פון גארנישט", די ווערטער "בראשית ברא אלקים", אין אנפאנג האט דער באשעפער פראקלאמירט די גרויסע מערסט-וויכטיגע זאך, די יסודות'דיגע געדאנק אז דער באשעפער האט פארגעשטעלט אלעס אין א "עקזיסטענץ פון גארנישט", באפאר דיווארט בראשית איז גארנישט געווען, אויך נישט די פשוטע און וויכטיגע זאכן אדער אפילו עפעס א מינדעסטע כח. וואספארא גרעסערע און קלענערע חלקים סייענטיסטען גייען אלס אן צו ערצייגן, איז אלעס נאר די ציגל פונעם בנין וואס דער באשעפער האט באשאפן אין יענעם גרויסען טאג פונעם "באשאפונג עפעס פון גאנישט". און יעצט די ערשטע מאמר פון באשאפונג, די מערסטע אינטערעסאנטע נס פון אלעס איז אזוי אינטערסאנט ארויסגעלאזט געווארן, און איז עס געשריבן געווארן נאר ברמיזה, עס איז איבער געלאזט געווארן פאר די גמרא אין ראש השנה איבערצוגעבען פאר אונז אז 'בראשית נמי מאמר היא' אז די שמים וארץ זענען אויך געווארן א זאך דורך די ווערטער פונעם באשעפער, פארוואס איז די גרעסטע פון אלע ניסים נישט אזוי פראקלאמירט געווארן דורך א באפעל (זאל זיין אין הימל אין ערד) פונקט אזוי ווי אלע אנדערע באפעלונגען זענען אריינגעברענגט געווארען אין עקזיסטענץ דורך אן ארויסגעזאגטע באפעהל פונעם באשעפער?

לאמיר אנהייבן דורך קוקן אויפן ערשטען מאמר וואס איז יא קלאר ארויס געזאגט געווארן אין די פרשה, ויאמר אלקים יהי אור, וואס איז טייטש, און דער באשעפער האט געזאגט זאל זיין ליכטיג, אן ווערען געפירט צום אמת אז בראשית נמי מאמר היא, וואלט איינער ריכטיג געקומען צו די מסקנא אז די ערשטע מאמר פון באשעפער איז געווען אז ער האט באשאפן ליכטיגקייט און דאס ברענגט אונז צו אונזער טעמע.

## אן ליכטיקייט איז די בריאה גארנישט ווערט

**דער** באשעפער האט געוואלט אז דער באפעהל "זאל זיין ליכטיגקייט" זאל זיין די ערשטע פון זיינע באפעלן צו זיין געשריבן אין די תורה, אפילו באמת איז עס גאר די צווייטע באפעהל וואס ער האט געזאגט, און ער האט עס געטוהן וויבאלד ער האט געוואלט אויסדריקען צו אונז די אויסטערלישע וויכטיקייט פון ליכטיגקייט,

דער באשעפער לערנט אונז דורכדעם א יסודות'דיגע פרינציפ פון די גרעסטע וויכטיגקייטען, ליכטיגקייט איז וואס קומט פאר אלעם, און דער באשעפער וויל דו זאלסט אנערקענען די וויכטיקייט פון ליכטיגקייט, און וועגן דעם 'ויהי אור' איז די ערשטע באפעהל פונעם באשעפער צו זיין געשריבן אין זיין תורה, און די ערשטע באשאפונג איז דירעקט באהאלטן געווארן.

אבער דאס מאכט מער טיפער די אומקלארקייט, פארוואס איז ליכטיגקייט אזוי אויסטערליש וויכטיג, וואס מאכט ליכטיגקייט אזוי וויכטיג אז דער אויבישטער איז גרייט געווען צו באהאלטן זיין ערשטע באשאפונג, די וואונדערליכע און אייביגע אומפארגלייכבארע ספעקטאל פון "בריאה יש מאין" די באשאפונג עפעס פונגארנישט, און אנשטאט דעם ברענגען צום ערשט דעם באפעהל פון 'יהי אור', עס זאל זיין ליכטיגקייט?

## די תכלית פון די בריאה קען מען זעהן נאר דורך די ליכטיקייט

**און** דאס איז אונזער טעמע היינט נאכט, און דער ענטפער צו די קשיא: אין קהלת לייגען מיר האלוקים עשה שיראו מלפניו (קהלת ג' י"ד)' טייטש: דער באשעפער האט געטוהן (אלעס) אז זיי זאלן מורא האבן פון אים, דיווארט ירא (מורא) איז ענליך צו דיווארט ראה - זעה, וויבאלד דער הויפט זאך וואס ברענגט צו דערקענען דעם באשעפער איז פון זעהן זיין האנט-ארבעט אין זיין באשאפונג, אזוי ווי שלמה המלך זאגט אונז אין דעם פסוק אז דער באשעפער האט באשאפן די וועלט און אלעס וואס איז אין איר, פאר די עיקר סיבה אז מענטשן זאלן זעהן זיין באשאפונג און דורכדעם אים אנערקענען.

**די** סיבה פון אלעם וואס דער באשעפער האט געמאכט די הימל און די וואלקענעס, די ביימער און די גראז, די לבנה און די שטערן'ס, מענטשן'ס פנים'ער און זיינע פינגער'ס, די צעמענט אויפן סיידוואלק און די קוילן אויף די גאס, די בלעטער אויף די ערד די צווייגלעך וואס וואקסן ארויס פון די שפאלטענעס, דיין וואלענע מאנטל אין דיין קאטענע הויזן, און אלעס אויסערדעם וואס דו זעהסט אין דער וועלט איז אלעס געמאכט פאר די סיבה אז מענטשען זאלן זעהן די וואונדער פון זיין פלאן און סיבה אין יעדע זאך, יעדע זאך פונעם באשעפער ברענגט ארויס נוצליכקייט און גוטסקייט, און דורכדעם קומען מיר צו צו אנערקענונג אינעם אויבערשטן.

## וואס טוט רייכקייט צוגעבן פאר א מענטש אויב ער ווייסט נישט פון זיין רייכקייט

**אבער** עס איז נאר דורך 'אור', די ליכטיגקייט וואס דער באשעפער האט באשאפן וואס ערמעגליכט דעם מענטש צו מצליח זיין אין זיין פאך, און אנערקענען דעם באשעפער, און וועגן דעם איז די באשאפן פון די ליכטיגקייט דאס וואס

טראנספארמירט דאס גאנצע באשאפונג, און א תורה וואס לערנט אונז אייביג דאס מציאות פונעם באשעפער, און אויב מענטשען פאלן דורך אין זייער תפקיד אויפגאבע צו נוצן די באשאפונג פון ליכטיגקייט צו זעהן דעם באשעפער אין יעדע זאך פון שמים וארץ, דעמאלט האבן שמים וארץ נישט דערגרייכט זייער תכלית, הימל און ערד זענען נישט ווערד אן די ליכטיגקייט וואס מאכט אלעס זעהנבאר. וואס טוט רייכקייט צוגעבן פאר א מענטש אויב ער ווייסט נישט פון זיין רייכקייט? עס איז נאר דורך זעהן די הימל אין ערד און אלעס וואס געפונט זיך אין איר, און פארשטיין דעם גרויסקייט פונעם באשעפער, און דורכדעם געבט ער דעם תכלית צו די בריאה, דורך זעהן און ארויסווייזען א דאנק פאר'ן באשעפער, דעמאלס טוהן די מענטשן ערפילן דער תכלית און די ווילן פונעם אויבערשטן אין זיין בריאה.

## הער וואס דו זאגסט ביי אשרי

**יעצט!** וואס איך זאג ענק יעצט קען אפשר אויסקוקן איבערגעטריבן אזוי ווי פראפאגאנדע, ריכטיג טאקע אז ליכטיגיקייט איז וויכטיג, אונז דארף מיר ליכטיגיקייט, עס איז נישט קיין ספק אין דעם, אבער צו גיין אזוי ווייט און זאגן אז דאס איז דאס מערסטע וויכטיג פון די גאנצע באשאפונג, דאס זעהט אפשר אויס אביסל עקסטרעם. אבער די טענה איז נאר וויבאלד דו האסט נאכנישט פארשטאנען דיין תכלית אין לעבן, דו ביזסט נאכנישט יעצט אינפארמירט אז דו ביסט אריינגעשטעלט געווארן אין דער וועלט, א וועלט אן קיין סוף פון צו זעהן דעם באשעפער אין זיינע באשאפונגען, עס איז נישט קיין מדת חסידות אדער א ספעציעלע עבודת השם וואס איז געאייגנט פאר צדיקים, נאר דאס איז די איינציגסטע מערסטע וויכטיגסטע ארבעט פון יעדן איינציגסטן פון ענק וואס זיצן דא.

**הערט** גוט אויס די ווערטער פון דוד המלך "יודוך השם כל מעשיך כבוד מלכותך יאמרו... להודיע לבני האדם גבורותיו" (תהלים קמ"ה), דיין גאנצע באשעפעניש לויבן דיך, זיי זאגן דעם כבוד פון דיין קעניגרייך,צו וויסן צו טוהן פאר די מענטשן זיין שטארקייט. דו זאגסט עס יעדן טאג, א חלק פון ענק עטליכע מאל א טאג, אבער דו הערסט זיך נישט צו וואס דו אליינס זאגט'ס , אונז זעמיר דא אין דער וועלט צו זעהן דעם באשעפער צו ווערן מער און מער וואך איבער אים און וועגן דעם דארפן מיר וויכטיג די ליכטיגקייט.

## עפן דיינע אויגען, הייב אן טראכטען

**עס** איז נישט וויכטיג צו האבן ידיעות פון חקירה אדער צו זיין געאייגנט דערפאר, אלעס וואס עס פעלט אויס צו דעם איז דיין נאטורליכע נייגעריגקייט, און א ווילן צו אבזערווירען און צו טראכטן, קוק ארום אויף אלעם וואס דער באשעפער האט באשאפן, אלע נאטורליכע זאכן וואס ער האט באשאפן, אלעס, דומם, צומח, חי און מדבר וואס זענען פאר דיינע אויגן.

**הייב** אן טראכטן, פרעג דיך אליין קשיות, וויאזוי איז דאס מעגליך פאר קאלירפולע און געשמאקע גרינצייג ארויסצוקומען פון די ערד וואס האט נישט קיין טעם? וויאזוי פארן די וואלקענעס אונטער דעם ענדלאזן הימל פון ווייט אוועק העכער די טיפע וואסערן צו ברענגען פאר אונז רעגן, וויאזוי קען איין בלייכע קאלירלאזע קערל זיך אנטוויקלען אין א גרויסע בוים פון צווייגן און בלעטער, און אויך צו בא׳טעם׳טע קאלירפולע פרוכט? וויאזוי טוט די בלום דענדעליהא״ן פארשפרייטן איהרע קערעלעך?

**האסטו** דען דיך שוין איינמאל אפגעשטעלט טראכטן וועגן דעם? עס איז וואונדערלעך! דו קענסט זעהן דעם באשעפער׳ס האנט גלייך פארנט פאר דיר, אין דעם בלום איז פארהאן בערך דרייסיג האלטן אין זיך קערלעך ריכטיגע ווינט וואס בלאז און צושפרייטן די צו די ווייטערדיגע אזוי מיט מיין מויל די עס וואלט וועהן געווען א וואס א קערל איז? א מער קאמפליצירט ווי קאמפיוטער.



פערעשאט״ס וואס וואַרטענדיג פאר די וועט קומען און געבן א ווערטפולע קערעלעך דעסטינאציעס, איך זאג ווארט ״קערלעך״ אזוי ווי פשוט׳ע זאך, צו ווייסטו קערל איז טויזנט מאל דער פארשטענדליכסטער

**וויאזוי** זעהסטו נישט די אלע זאכן און דו ווערסט נישט וואך פונעם פלאן און די תכלית אינעם באשעפער׳ס באשאפונג, דו קענסט אראפשפאצירן די גאס און ווערן דער גרעסטער מאמין נאר דורך האלטן דיינע אויגן אפן! און דאס דארף ווען נישט זיין קיין חידוש וואס איך זאג דיר, דאס איז די איינציגסטע סיבה פון באשאפונג, אויף וואס ווארטסטו?? אין בית החיים וועט שוין זיין צו שפעט, דו האסט די מעגליכקייט דא אויף דער וועלט, אבער דו וועסט דארפן האלטן דיינע אויגן אפן און ווערן מער און מער וואך פונעם באשעפער מיט יעדע בליק פון דיינע אויגן אויב דו ווילסט זיין א מוצלח.

**און** ווען נישט די באשאפונג פון ליכטיגקייט, וואלט אלעס פונעם באשעפער׳ס באשאפונג געווען נוצלאז, און אומוויכטיג, אבער ווייל ויאמר אלקים יהי אור, דער באשעפער האט געזאגט עס זאל זיין ליכטיגקייט, יענעם מאמענט פון די גאנצע היסטאריע פון די וועלט איז די געקרוינטע מאמענט ״פון די באשאפונג״, ווייל ליכטיגקייט איז די זאך וואס געבט אונז די מעגליכקייט צו זעהן די גאנצע בריאה, און אונז זאל מיר קענען נאכטוהן די מלאכים וואס זענען תמיד מספרים כבוד א-ל, שטענדיג רעדן זיי איבער דעם כבוד פונעם באשעפער וואס איז אזוי עדות׳פול אין דער וועלט, און דורכדעם טוהן מיר ערפולן אונזער מערסטע וויכטיגע סיבה אין לעבן, אנערקענען דעם באשעפער דורך זיין באשאפונג, און אים האלטן אייביג פארנט פון אונזער מחשבות.

התודה והברכה
להנדיב הנכבד
**הרוצה בעילום שמו**

על שנדב מהדורת

# אחת שאלתי

אשר בזכותו זכינו לתרגם

## תורת אביגדור

באידיש

ישלם ה' פעלו ויהי משכורתו מן השמים
להשפיע עליו ועל ביתו מכל טוב וטוב מרוב
נחת דקדושה עד בלי די

# הדפסה והפצה

מעלדונג

צו מנדב זיין הפצת הגליון א וואך

לע"נ, לרגל השמחה, לזכות וכדו'

אדער פשוט ווייל איר האט הנאה אז עס ווערט פארשפרייט

און איר ווילט עס זאל אנהאלטען

רופט 845-213-7571

נדבת השבוע פ' בראשית נתנדב ע"י

**נתנדב לע"נ הרה"ח ר' שמחה בונם ב"ר אלי' הכהן ע"ה**

ע"י בנו הרה"ה ר' אלי' שלמה הכהן קאהן נ"י

מנהל בית רחל קרית יואל

יארצייט כ"ז תשרי

ת.נ.צ.ב.ה.

# די זיצט ביים רעדל

## שאלה:

### וואס זאגט איר איבער א מענטש וואס זאגט אז עס איז דא געוויסע צייטן וואס ער איז נישט אין די גיסטע (MOODY) בלע"ז? וואס איז די באדייט איך בין נישט אין די גיסטע ?

## תשובה:

**נישט** אין די גיסטע באמת באדייט נאכגעבן פאר דעם יצר הרע, א מענטש מוז זיין אין אלע צייטן אין קאנטראל, ער דארף צו וויסן אז ער איז א עבד השם און ער מוז זיין אין קאנטראל, שטעל דיך פאר א מענטש זיצט ביים רעדל פון א קאר אין ער דרייווט אופ'ן טראוועי, א גרויסע פארנומענע ראוד אין ער באשליסט אז ער איז נישט אין די גיסטע.

יעצט, דאס לעבן איז א הייוועי, אין א הייוועי איז מער סכנה ווי סיי וועלכע אנדערע ראוד, אונז קען מיר זיך נישט ערמעגליכן נאכצוגעבן די גיסטע, אין אלע צייטן מוז א מענטש וויסן ערשטענס און שטארק אז ער שטייט לפני השם און ער איז באחריות אויף אלע אויפירונג, אריינגערעכנט אין זיין אויפירינג איז זיין גיסטע, ער איז באחריות צום באשעפער, דו קענסט נישט נאכגעבן די עצבות ניין! עצבות איז א יצר הרע די קענסט נישט נאכגעבן דו עצבות דו פוילקייט דאס איז אויך א יצר הרע.

א מענטש זאל אלעמאל זיין אין א גוטע גיסטע דא איז אויך א חלק אין די בחירה פון אויסוועלן די ריכטיגע וועג אין לעבן דו זאלסט אייביג זיין אין א פרייליכע גיסטע, זיי א שמח בחלקו, א מענטש זאל זיין פרייליך מיטן באשעפער אין אלע צייטן, אשרי העם שד' אלוקיו דאס איז די גרעסטע שמחה אז דער באשעפער איז אונזער גאט, אונז פארמאג מיר אסאך מחשבות צו טראכטען און יעדע פון זיי איז א געפירטע מחשבה, עס ווענדט זיך אין די דיר צו פירן דיינע מחשבות, עס איז נישט דא אזא זאך אריינצופאלן אין גיסטעס, די זיצט ביים רעדל און דו האסט פאר דיר אלע אויסוואלען וועם דו קענסט אנקלונגען, אויב די ווילסט טראכטען פון עפעס קלוגע אהן אהבת השם אדער קלוגע אהן שמח בחלקו נאכדעם קלוגע אהן מורא שמים עס איז דא אלע אויסוואלן פון טראכטען פון זאכן אלע אויסוואלן פון מחשבות וואס דו קענסט אנקלונגען.

שאלות און תשובות
מיט
ר' אביגדור מיללער זצ"ל

אבער קיינמאל זאלסטו אראפנעמען דיינע אויגן פונעם ראוד אינעם רעדל, אריינפאלן אין גיסטעס מיינט פשוט נאכגעבן דעם יצר הרע אין moody מענטשען זענען קרבנות פון יעדע מין כעס אין עבירות, עס איז נאר דעמאלס ווען מענטשען ווערן טרויעריג און מוטלאז אזוי ווערן זיי קונים פארן יצר הרע.